חג הפסח תשפ"ד

ונאמר לפניו

# שירה חדשה

קהל יטב לב סאטמאר

מאנטריאל

חג הפסח תשפ"ד

פריידיגער איבערזיכט אויף די רעקארד-ברעכנדע צאל פון פרישע
אונטערנעמונגען און נייע פראיעקטן אינערהאלב אונזער קהילה קדושה

## קהל יטב לב ד'סאטמאר מאנטריאל

בס״ד

תעוז ידך ותרו״ם ימינך הליל התקדש חג פסח

# קיין מינוט זיך נישט אנגעלאנט

דורכאויס די לעצטע 10 וואכן

מ׳האט געשוויצט און געארבעט

## עבודת הפרך

אינעם נייעם בנין הביהמ״ד, כדי צו נישט צו פארזוימען די ארבעט קיין משהו ולא יכלו להתמהמה!

אבער ביטע

מיר דארפן אייך האבן אינעם זעלבן שוואונג, ווייל אן אייער פינאנציעלע שטיצע פון

## 35%

פון אייער הבטחה

איז ממש נישט מעגליך צו גיין ווייטער

גלייך נאך פסח וועלן די עסקנים אי״ה פארענדיגן דעם איבריגן טייל ציבור איבערצוגיין די יעצטיגע פעימענט מעגליכקייטן.



מגבית האדיר ויתבנה

פתיחת הבנין קאמפיין אדר א׳ תשפ״ד

סאטמאר מאנטריאל

פתיחת הבנין קאמפיין - אדר א׳ תשפ״ד

# א קהילה מלא חידושים

ס'יז א דרייפערטל שעה נאכ'ן זמן הדלקת הנרות, ליל הראשון של חג. משה שפאצירט אריין אין ביהמ"ד מיט זיין נייעם פראכטפולן שטריימל אויפן קאפ וואס ציט די אויגן פון אלע ארומיגע, חיים שפאצירט באקוועם אנגעטון מיטן נייעם בעקיטשע, און יענקל כאפט נאך א בליק מיט קענטיגע הנאה אויף די פריש געפארבטע ווענט פון זיין הויז בעפאר ער לאזט זיך ארויס אין שול אריין. וואס איז יעצט, לשמחה מה זו עושה? עס איז זעלבסט פארשטענדליך פאר יעדן, היינט איז די ערשטע נאכט פונעם הייליגן יו"ט פסח, די אטמאספער איז איין שטיק פרישקייט און התחדשות, און יעדער מאכט זיכער צו באנייען עפעס און זיך אויפצופרישן לכבוד יו"ט, יעדער קומט אריין צום יו"ט מיטן געפיל פון התחדשות, זה בכה וזה בכה.

מיר, חברי חברי ק"ק קהל יטב לב ד'סאטמאר דא אין מאנטריאל, טרעטן אריין אינעם זמן חירותינו זיך געפונענדיג אין א זעלטענער צייט וואס איז איין שטיק התחדשות, עס געדענקט זיך נישט די זמן ווען אזויפיל ציבור'ישע פראיעקטן זאלן זיין אין שוואונג אויפאיינמאל, דאהי ביי אונז אין די קהילה.

איז אצינד, ווען ס'איז יו"ט זמן חירותינו, ארומגענומען מיט רואיגע מאמענטן, איז צייט זיך צו געבן א שטעל אפ פאר א מינוט און כאפן אן איבערבליק אויף די פילע כוחות וואס ווערט אריינגעלייגט די לעצטערע חדשים, צו פארברייטערן אלע רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע הצטרכות פאר'ן ציבור צום מאקסימום בעז"ה. וואס אין יעדע איינציגע זאך ליגט דאך אזויפיל ענערגישע כח און מח פון די געטרייע עסקנים, און אזויפיל געלט פון דיווארעמע נדבנים. כן יעזור ה' להלאה.

אודאי ווען מיר נישט פארגעסן דעם עיקר, צו לויבן און דאנקן השי"ת אויף די אויסטערלישע סיעתא דשמיא און חסדי השם וואס באגלייט יעדע פרט ופרט עקסטער. און לאמיר האפן אז נאך דעם פסח וועלן מיר זוכה זיין צום גרעסטן און וויכטיגסטן חידוש אויף וואס כלל ישראל ווארט שוין אזוי לאנג, די גאולה שלימה במהרה, אזוויו מיר האבן געזאגט דעם פארגאנגענעם שבת החודש: וְיִנָּתֵן לָעָם לֵב חָדָשׁ, לְשׁוֹרֵר בְּפִיהֶם שִׁיר חָדָשׁ, שִׁיר מְפוֹאָר וּמְחֻדָּשׁ, עַל כָּל שִׁיר מְהֻלָּל וּמְקֻדָּשׁ. בב"א.

*הנהלת הקהילה*

**אט ליינט א שלל פון באריכטן איבער די פארשריט ביי אונז אין די קהילה, וואס ערשיינט אין 'דער איד' אויף יו"ט פסח, מיט'ן ציל מיטצוטיילן די גינסטיגע גריסן מיט אלע אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר.**

כֵּן ד' אֱלֹקֵינוּ יַגִּיעֵנוּ לְמוֹעֲדִים וְלִרְגָלִים אֲחֵרִים הַבָּאִים לִקְרָאתֵנוּ לְשָׁלוֹם שְׂמֵחִים בְּבִנְיַ"ן

# ביהמ"ד החדש קיט"ל ד'סאטמאר וואס מען גרייט זיך אט צו באנייען אין שכונת וועו האח - מאנטריאל, דער ערשטער נייער ביהמ"ד וואס די קהילה עפנט דורכאויס די לעצטע איבער פערציג יאר!

די שפאנונג און עקסטאז וואקסט און שטייגט ווען די אויגן פון פילע אנשי שלומינו אומעטום זענען געוואנדן קיין מאנטריאל, זיך צוקוקנדיג מיט אן אויסטערלישן הנאה ווי די הייליגע קהילה אין מאנטריאל שטייט ביים שוועל פון ברעכן היסטאריע, ווען צום ערשטן מאל נאך צענדליגע יארן טוט די קהילה אויסשפרייטן אירע פליגלען, און גרייט זיך אט אט צו באנייען דעם נייעם פרעכטיגן ביהמ"ד אין שכונת ווען הארן, וואס אנטשפרעכט צו זיין א ווירבלנדיגן צענטער פאר תורה ותפילה, צו אקאמאדירן די הונדערטער ארטיגע סאטמארע איינוואוינער, נאך וואס די עקזיסטירנדע לאנגיעריגע ביהמ"ד הגדול אויף די 'האטשיסאן גאס' איז שוין לאנג אויסגעוואקסן דעם געברויך פונעם פילפאכיג פארברייטערטן ציבור.

ווי די באקאנטע שפריכווארט לויטעט; "א גוטע זאך קומט אן שווער", איז דאס מאל נישט געווען קיין אויסנאם, פיל שטיינער אין וועג און אומצאליגע שטרויכלונגען האבן אפגעווארט פאר די חשוב'ע עסקנים ווי נאר מען האט זיך אריינגעווארפן אין דעם פראיעקט. ווי גלענצנד און גלאטיג אלעס האט אויסגעקוקט פון בעפאר, האט מען זיך פלוצלינג געטראפן אין שווערע פלאנטערס איינס נאכן צווייטן, לעגאלע און פינאנציעלע צוגלייך. און דערפאר ווען מ'האלט שוין אט אט ביים גליקליכן מינוט, מ'גרייט זיך שוין צום צום גרויסן טאג ווען מ'וועט באנייען דעם הייליגן מקום, איז די שמחה און עקסטאז ארויף צו גאר הויכע שטאפלען אויף אן אומבאשרייבליכן פארנעם. יעדעס סאטמארער חסיד קוקט זיך צו און קווועלט מיט פרייד ווי די אומגעהויערע מיה און פלאג האט זיך אזוי שיין אויסגעצאלט, און מ'האלט שוין אט ביים שניידן די פירות בשבח והודאה לה' אויף די געוואלדיגע חסדים וואס מ'האט געזען אויף טריט און שריט.

## דער מצב ביז היינט

באמת האט מען שוין מיט א שיינע פאר יאר צוריק געזען דעם צורך צו האבן נאך א סאטמארע ביהמ"ד אין מאנטריאל, נאך וואס די ציבור איז זיך קע"ה צוואוואקסן און צושפרייט אויף אלע זייטן, און עס איז געקומען צו א מצב אז פילע יונגעלייט האבן מחמת ההכרח זיך אנגעהויבן דרייען אין אנדערע בתי מדרשים און פרעמדע מקומות, וואס ווי ברייט באקאנט איז שטארק נישט ניחא געווען פאר רביה"ק זי"ע אז מ'דרייט זיך ביי פרעמדע קרייזן, און ער פלעגט שטארק אויפפאדערן אז מ'זאל זיך דרייען דוקא אין היימישע בתי מדרשים. מיט'ן גוטהייסונג פונעם דומ"ץ הגה"צ ר' משה מנחם טירנויער זצ"ל האט מען טאקע געהאט געעפנט א צייטווייליגער 'ביהמ"ד אברכים' אין אן אפגעדינגענער בנין, וואס גייט ב"ה אן לשם ולתפארת אין די לעצטערע יארן.

אבער דאס איז נאר געווען גוט 'ביז צו די קרעטשמע'. ווייל דער קליינער געדינגענער פלאץ איז געווען פונקט גוט פאר שב"ק ויו"ט און פאר מנחה מעריב בחו"ל, אבער האט נאכנישט געדעקט דעם גרויסן צורך פון א פראמינענטער אייגענער בנין הבימ"ד מיט אלע אפטיילונגען פאר א גאנץ יאר. ובפרט האט זיך נאך אויסגעשטעלט דער מציאות אז פילע משפחות האבן זיך געצויגן צו ווייטערע גאסן, היבש ווייט פונעם ביהמ"ד הגדול און ביהמ"ד אברכים, און דעריבער איז דער פארלאנג צו טרעפן א פאסיגער ווינקל פאר די קהילה אין יענע געגנטער געווארן שטערקער ווי א טאג שפעטער, און כ"ק מרן רבינו שליט"א האט כסדר אויפגעפאדערט אז מ'מוז עפענען נאך א ביהמ"ד, צו געבן די מעגליכקייט פאר אלע אנ"ש זיך צו דרייען בלויז אין בתי מדרשים דקהילתינו.

אבער צוליב די שווערע מצב מיט זאונינג אין מאנטריאל און די אומגעהויערע שוועריגקייטן וואס אזא פראיעקט ציט אריין, איז עס כסדר אפגעשטופט געווארן. און טראץ וואס די געברויך איז געוואקסן און געשטיגן, איז עס נישט געקומען לידי מעשה.

## אין זה כי אם בית אלקים

במשך די גאנצע צייט איז רבינו שליט"א געווען גאר שטארק בתוך הענינים און פרובירט וואס מ'קען אלץ טון אהערצושטעלן א נייעם ביהמ"ד. ביז ברוב חסדי השי"ת איז מיט צוויי-דריי יאר צוריק אונטערגעקומען ממש א גלענצנדע געלעגנהייט צוגעשיקט גראד פון הימל, ווען עס איז ארויסגעשטעלט געווארן צו פארקויפן א בנין פון א באנק, וואס דאס האט פארגעשטעלט מיט זיך די געוואלדיגע מעלה וואס איז אזוי שווער



צו געפינען אין מאנטריאל, אז עס האט שוין געהאט די פאסיגע זאונינג מיט ערלויבעניש עס צו נוצן פאר א קאמיוניטי צענטער. ווי אויך איז די אויסטשעל ממש גאר געאייגנט פאר א ביהמ"ד, אזוי אז מ'דארף נישט אויפבויען קיין פרישן סטרוקטור, נאר בלויז אביסל רענאווירן דאס פלאץ אז עס זאל זיין פולשטענדיג פאסיג צו דינען אלס מקדש מעט.

ווי יעדע דבר שבקדושה איז דאס אויך נישט געקומען בחנם... צוליב די ארטיגע גאר טייערע ריעל עסטעיט פרייזן האט די מקח אפגעקאסט די אסראנאמישע סומע פון 4.5 מיליאן דאלער, און ווי ערווארטעט איז די אפרוף ביים ציבור געווען גאר ווארעם, יונג און אלט האבן אויפגענומען די פריידיגע בשורה מיט אן אויסטערלישע עקסטאז, און אלע האבן זיך אנגערופן מיט גאר שיינע סכומים למעלה מן המשוער, און נאר א דאנק די שטארקע שטיצע פונעם חשוב'ן ציבור וואו אידן האבן זיך געלאזט קאסטן שווערע געלטער לבנות את בית ה', האט מען בעז"ה מצליח געווען צו שליסן דעם מקח. דאן מיטן האפענונג אז מ'וועט זיך תיכף קענען נעמען צו די עבודה, און ביז א קורצע צייט וועט מען זיך קענען אריינציען און מחדש זיין דעם מקום תורה ולתפילה, לשמחת לבם פון אלע אנשי שלומינו.

## ומי מעכב? שעבוד גליות

ווען מ'האט אבער שוין געהאלטן ביי דעם שטאפל און געוואלט אנהייבן מיט די רענאוואציע ארבעט, האט מען זיך פלוצלינג אנגעשטויסן אין אן הויפן פון אומגעראכטענע לעגאלע שוועריגקייטן, און וויפיל מ'האט פרובירט אויף אלע וועגן צו שאפן די נויטיגע פערמיטן האט מען זיך ממש אנגעשטויסן אין א וואנט. נאך וואס מ'האט אריינגעגעבן אויף וואס מען פלאנט צו נוצן דעם בנין, אויפן פארלאנג פון די אינסטאנצן, זענען זיי נישט געווען צופרידן און געמאכט שוועריגקייטן אויף יעדן ריר. מ'האט אויפגענומען פאר גרויס געלט טייערע לויערס וועלכע זאלן אונז פארטרעטן און זיך אויסשלאגן מיט זיי, אויף דעם וואס זיי האלטן צוריק די פערמיטן אן קיין שום רעכט אונטערן געזעץ דאס צו טון.

עס איז געגאנגען עד כדי כך, אז ס'איז געקומען צו א מצב היי יאר נאך סוכות אז ס'האט אויסגעזען ווי מ'וועט זיך חלילה דארפן אינגאנצן ארויסציען פונעם פראיעקט. עס איז געווען גאר שווער צו טראכטן אפילו אין דעם ריכטונג, שטייענדיג נאך אזויפיל יארן זוכן, און ענדליך האט מען שוין געפונען און אריינגעלייגט אזויפיל דמים תרתי משמע. אבער נאך וואס עס האט זיך נישט גערירט האט אויסגעזען ווי קיין צווייטע ברירה איז נישט פארהאן.

דער רבי שליט"א האט אבער כסדר מחזק געווען די חשוב'ע עסקנים און געוואונטשן מברכותיו הק', און פארלאנגט מ'זאל חלילה נישט אויפגעבן נאר אנגיין ווייטער מיט די פעולות, און בעז"ה וועט מען צום סוף מצליח זיין.





## די אומגעראכטענע ישועה

ווען עס האט שוין אויסגעזען ממש ווי די מצב איז דערנאך, איז ב"ה פלוצלינג אנגעקומען די לאנג ערווארטעטע ישועה, נאך וואס די שטאטישע אינסטאנצן האבן ענדליך קלארגעשטעלט אז זיי ווילן מ'זאל טוישן די זאונינג פון 'קאמיוניטי צענטער' צו 'עדיוקאציע צענטער' אז עס זאל שטימען מיט די אקטיוויטעטן וואס וועלן אפגעראכטן ווערן אין דעם בנין. און נאכן דורכגיין נאך א צאל שטרויכלונגען אויך ביי דעם פראצעדור, האט מען ענדליך ערהאלטן די אזוי ארויסגעקוקטע פערמיטן. און צום גרויס הנאה און פרייד פונעם גאנצן ציבור האט מען זיך ענדליך געקענט נעמען צום רענאוואציע ארבעט בסייעתא דשמיא.

טראץ וואס מ'דארף טאקע נישט איבערמאכן דעם גאנצן בנין פון דאסניי, פארלאנגט זיך אבער יא אסאך אינטענסיווע ארבעט עס אהערצושטעלן פאר א בית ה'. און פארשטייט זיך אז אלעס קאסט אפ אוצרות מיט געלט. בלויז דאס אהערשטעלן א פאסיגן אפלויף סיסטעם צו אקאמאדירן די געברויך פון א ביהמ"ד קאסט אפ ארום 150,000 דאלער, איבערמאכן די עלעקטריק סיסטעם קאסט אפ ארום 70,000 דאלער, און אזוי ווייטער יעדן ריר קאסט אפ א געוואלד. וואס האט זיך צום ארויסגעשטעלט אז דער גאנצער רענאוואציע פראיעקט וועט אפקאסטן א דריי פערטל מיליאן דאלער!

## לנצח על מלאכת בית ה'

און טאקע ווי נאר אלעס איז גרייט געווארן האט מען זיך תיכף אריינגעווארפן אין די ארבעט, צוערשט מיטן אויסרייסן די איבערבלייבענישן פונעם באנק וואס מ'האט געדארפט אוועקנעמען, מ'האט אויסגעריסן א גרויסע קאך, א צאל צימערן. און דאן האט מען זיך גענומען צום ארבעט פון דעמאלישן דעם ריזיגן סעיף פונעם באנק וואס האט זיך געצויגן אויף צוויי שטאק, און דאס האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין גאר א שווערע ארבעט, פיל מער ווי געראכטן, פאר וועלכע מ'האט














געדארפט אראפרופן ספעציעלע פירמעס וואס ספעצאליזירן זיך אין דעם, און פארלייגן גאר אסאך כוחות כדי דאס גענצליך צו פארניכטן.

אזוי אויך האט מען זיך שוין גענומען צום ארבעט פון אויפבויען די מקוה, און אריינציען די עלעקטריק. און מ'האפט בעז"ה בקרוב צו פארטיג ווערן מיט די פארניכטונג ארבעט, וועט מען זיך קענען נעמען מיטן פולן פלייס צו פארענדיגן און אהערשטעלן דעם פלאץ כליל בהדרו ווי עס פאסט פאר א בית מקדש מעט. און האפנטליך אין א קורצע צייט וועט מען זיך שוין קענען אריינציען און באנייען דעם פראכטפולן בנין בית המדרש, און ענדליך זוכה זיין צום גליקליכן טאג אויף וואס מ'קוקט שוין ארויס אזויפיל יארן.

## כהן שדעתו יפה ודעתו דעת תורה

דער ביהמ"ד פארשפרעכט אי"ה צו זיין א תל תלפיות סיי פאר אנ"ש אין מאנטריאל, און סיי פאר הונדערטער ארומיגע תושבים. אלס דומ"ץ הביהמ"ד האט כ"ק מרן רבינו שליט"א ממנה געווען דעם בארימטן מורה ודאין הרב הגאון ר' יוסף הכהן שטראססער שליט"א מדייני הקהילה, וועלכער איז פקיע שמי' מיט זיין געוואלדיגער כח התורה והוראה, און מיט זיינע זעלטן קלארע שיעורים ובירורי הלכה. דער דיין שליט"א האט זיך גלייך אריינגעווארפן אינעם פראיעקט צו באגלייטן דעם פתיחת הביהמ"ד מרישא ועד גמירא, און וועט בעז"ה באשיינען דעם ביהמ"ד בפיקוח והדרכה על כל צעד ושעל, סיי פאר'ן רבים און סיי פאר'ן יחיד.

## יעדער וויל האבן א חלק דערין

די שפאנונג און פרייד קען מען טאפן אין די לופטן, פון איבעראל קוקט מען זיך צו מיט עקסטאז און מען קוקט ארויס עס זאל שוין פארטיג ווערן ווי שנעלער. די ווארעמקייט ביים ציבור דערקענט זיך וואס אמאל מער און מער סיי ביים לאקאלן ציבור אנ"ש אין מאנטריאל, און סיי ביי נגידי אנ"ש אין ניו יארק, די עסקנים ווערן איבערראשט פון די געוואלדיגע סבר פנים יפות מיט וואס מ'נעמט זיי אויף, און ווי אידן לאזן זיך קאסטן מיט שטוינענדע סכומים פאר דעם הייליגן צוועק.

אידן וואס האבן זיך שוין אונטערגענומען מיט א צייט צוריק טוען יעצט אקענגקומען די עסקנים אויסצוצאלן זייער חלק אינעם בנין, בעת וואס אנדערע קומען הערשט יעצט זיך אנשליסן מיט זייער חלק ניכר. פון אלע זייטן זעט זיך אן ווי שטארק דער ציבור קוקט שוין ארויס אויפן ערעפענונג פון דעם ביהמ"ד, און מען איז גרייט צו טון אלעס מעגליך דאס זאל צושטאנד קומען ווי שנעלער.

מ'האפט צו אויבערשטן אז די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס האט אונז באגלייט ביז אהער זאל מיט אונז מיטגיין אויף ווייטער, און בעז"ה זאל זיך אלעס ריקן גאר שנעל. און אי"ה אז מ'וועט האבן די נויטיגע פאנדן און קענען פארויסמארשירן מיט די רענאוואציע ארבעט אן קיין שטערונגען, האפט מען זיך צו קענען אריינציען גאר בקרוב, לשמחת לבם פון סאטמארע אידן אין מאנטריאל און איבער דער גארער וועלט.

הָוָה
מְסַדֵּר
סֵדֶר
הַמְּלָאכָה

## די פאזעס

### בעבר

- ארכיטעקטשור
- אהערשטעלן די פלענער
- סיטי פערמיטן
- מעין עלעקטעריק ליין
- דעמאלישן אזבעסטוס חלקים

### בהוה

- שניידן די קאנקריט
- אראפווארפן די סעיף
- אראפווארפן די אלטע טרעפ

### בעתיד

- גראבן די בורות המקוה
- גיסן די בורות
- מיטעלסטע שטאק פרעימינג
- אונטערשטן שטאק פרעימינג
- עלעקטעריק אינעם בנין
- פלאמבינג מעין ליין
- פלאמבינג אינעם בנין
- הייצונג און ערקאנדישן
- שיטראק ווענט
- טרעפ צו עזרת נשים
- טרעפ צו אונטערשטע שטאק
- איסנטאלירן די טיילס
- אינסטאלירן לייטס
- פעינטן
- עזרת נשים מחיצות
- רייניגן
- פורניטשור
- חנוכת הבית בשטו"מ!

מגבית האדיר ותבנה
פתיחת הבנין קאמפיין
אדר א תשפ"ד
סאטמאר מאנטריאל

# ותבנהו מהרה

**די שנעל גלאפירענדע בוי-ארבעט**
ביי בנין בית מדרשינו החדש

## אפדעיט #6 | חג הפסח תשפ"ד

### נייעס פונעם קאנסטראקציע-זאנע

- אין די לעצטערע טעג האט דער טראקטאר פארקירעוועט זיין וועג, אנשטאט ווייטער אויפברעכן די צעמענטענע ערד אונטער'ן סעיף און אראפגיין צום אונטערשטן שטאק גראבן די בורות, האט ער קודם אנגעהויבן זיך גענומען צום 'דאך' פון סעיף, דהיינו די ערד פון אויבערשטע סעיף, עפענעדיג דארט א לאך. צוליב וואס ער וועט זיך דארפן אראפלאזן צום אונטערשטן שטאק דורך דעם לאך אויף די ערד אינעם סעיף, און כדי ער זאל קענען אראפפארן בשלום דארף דער טראקטאר האבן געגוג 'סופארט' אויף וואס זיך צו האלטן. דעריבער שניידט מען אצינד לעכער אויפ'ן דאך העכער די סעיף (צווישן מיטעלסטן און אויבערשטן שטאק), וואס פון דארט וועט א דיקע קייט הענגען אויף א 'ביעם' וואס וועט זיין אויפ'ן אויבערשטן שטאק, און די קייטן וועלן אונטערהאלטן דעם טראקטאר בשעת'ן אראפגיין
- מ'האט די לעצטע וואך אויסגעשטעלט פרישע 'זאונס' אין ווייבער שול און אונטערשטע שטאק פאר אסבעסטוס רייניגונג, און כדי צו פארשנעלערן די ארבעט האט מען אריינגעברענגט גאנצע 10 ארבעטערס אלע אנגעטון מיט ספעציעלע בגדים, זיי ארבעטן העפטיג אראפנעמענדיג אסאך ציגל און שיטראק, מיט'ן ציל אז די סיטי זאל וואס פריער אפראוון אז דער פלאץ איז ריין פון די שטויב כדי צו קענען גיין ווייטער מיט די אנדערע ארבעט. דער גאנצער פראצעדור קאסט עקסטערע 50 אלפים
- די דעמאלישן-ארבעט האט זיך פארשלעפט פון 6 וואכן צו ממש דאפלט! 12 גאנצע וואכן (שוין אריבער 8, נאך 4 איז דא צו גיין) און דאס איז געשען צוליב 3 הויפט סיבות: 1) אזבעסטוס, דאס איז אן אומערווארטעטע געפערליך-שווערע און פארצויגענע ארבעט. 2) א גוי'אישער שכן וואס האט א רעסטוראנט האט פארפירט אויף די טראקטאר-ארבעט און געמאכט אביסל פראבלעמען נישט צו קענען ארבעטן, ביז די סיטי איז אראפגעקומען און געגעבן א קלארע פערמיט אז מ'איז ערלויבט ארבעטן יעדן טאג פון 9 אינדערפרי. 3) דער דעמאלישער באגעגנט זיך נאכאנאנד מיט 'סורפרייזעס' ווי שוין באריכטעט, און מ'דארף נעמען אין אכט אז צעווארפן צעמענט און צעווארפן מעטאל איז גענצליך 2 אנדערע סארט ארבעט, יעדע פון זיי נוצט אנדערע מעטאדן און אנדערע טולס, און ווען מ'טרעפט זיך ביי יעדע פאר אינטשעס אינעם סעיף מיט א צווייטע מאטריאל, דארף מען ארומטוישן אן אפשטעל, וואס כאטש דאס קאסט נישט אזויפיל מער טייער געלט אבער קאסט עס יא טייערע צייט

**יעדער שטאפל, א נייער דערגרייכונג; א נייע שמחה.**

## ס'איז אונזער פראיעקט!


מ'האט אפגעטיילט חלקים אין בנין אלס ספעציעלע 'זאונס' וועלכע האבן די שעדליכע 'אזבעסטוס' שטויב, וואס מ'ענדיגט אצינד אויסרייניגן (בליק פון אויבן אין עזרת נשים)


גאנצע וואנט איבערגעצויגן מיט פלעסטיק, נישט צו פארדעקן די חמץ... נאר צו באשיצן אז די שטויב זאל נישט אריבערגיין


מ'שיילט נישט קיין קארטאפל נאר ווענט. מ'רייסט אויס שטיקער טיילס, שיטראק, און אנדערע מאטריאל וואס זענען פול מיט אזבעסטוס


ניין, זיי גייען נישט מיט קיין ווייסע קיטלעך... ס'איז ספעציעלע שוץ-קליידער בשעת'ן ארבעטן מיט די שעדליכע שטויב


מ'ארבעט אריין אן אפשטעל ב"ה


גאנצעטע פעקלעך מיט אפגעשיילטע שטיקער ווענט, פול מיט אזבעסטוס


אריינגעשניטן אין די צעמענט העכער'ן סעיף אויפ'ן אויבערשטן שטאק, כדי צו קענען עפענען דעם לאך פאר די טרעפ


דער טראקטאר לעכערט דעם דאך פונעם סעיף, ארויף צום אויבערשטן שטאק


ס'קומט השפעות פון אויבן... ער לעכערט און ס'גיסט זיך חומר ולבנים

כֻּלָּנוּ חֲכָמִים כֻּלָּנוּ בוֹנִ"ם



ב ס " ד
ואבני לה מקדשא
זכותים נצחיים
לרכוש בתוככי
בנין בית מדרש
החדש והמפואר
קהל יטב לב
ד'סאטמאר
מאנטריאל –
שכונת ווען הארן
מגבית האדיר
ותבנה
פתיחת הבנין קאמפיין
אדר א' תשפ"ד
סאטמאר מאנטריאל
פתיחת הבנין קאמפיין - אדר א' תשפ"ד
אוצר הספרים
$150,000
שער הבנין הויפט אריינגאנג
$360,000
שם היכל ביהמ"ד
$720,000
שער הבנין
$120,000
שער היכל הביהמ"ד
$250,000
קאוויש שטיבל
$120,000
ארון קודש
$180,000
שם היכל עזרת נשים
$500,000
שם הבנין
$1,500,000
זכות בור טבילה
$120,000
חדר הוראה
$120,000
שם מקוה המפואר
$500,000
שם הביהמ"ד
$1,000,000
זה קלי ואנוהו
כאפט אריין
דעם איינמאליגן
געלעגנהייט פון
אפקויפן א
זכות נצח
אין דעם פרעכטיגער בית השם,
א צענטער פאר תלמידי וחסידי
סאטמאר אין מאנטריאל.
אייער נאמען וועט
בעה"י פאראייביגט
ווערן לדורות עולם, און
די טויזנטער שעות פון
תורה; טהרה; תפלה;
חסידות, און גמילת
חסדים, וואס וועט
אי"ה אפגעראכטן
ווערן צווישן אירע
ווענט, וועט נזקף ווערן
לזכותכם!
NUAH 845.513.0001

# גרויס עקסטאז הערשט צווישן יהדות מאנטריאל האלטנדיג ביים דורכברעכן היסטאריע ווען די לאנג-ערווארטעטע סאמע-ערשטע חתונה-זאל אינעם היימישן געגנט, ווערט אצינד מאיעסטעטיש אויפגעבויט אינעם נייע גיגאנטישן סאטמאר'ן בנין פון בית אסתר שולע.

שמח תשמח יהדות מאנטריאל - ס'איז שוין אריבער גאנצע צוויי יאר זינט ווען די גיגאנטישע בית אסתר איז אריין אין פולן דינסט, עס געדענקען נאך אלע די אויסטערלישע טעג וואס איז דאן אריבער אויף די קהילה קדושה אין מאנטריאל ווען כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז געקומען און געפראוועט א הערליכער מעמד 'חנוכת הבית' אין די צייט וואס די קהילה האט באנייעט אזא הערליכע געביידע וואס איז די שם דבר איבער די גאנצע שטאט.

די געביידע אין וואס מען האט ארייגעגאסן די אסטראנאמישע ציפער פון איבער 30 מיליאן דאלער בנדבת לבם פון פילע נדיבי לב ואנ"ש פון מאנטריאל און פון אנדערע געגנטער, ובראשם דער נדבן שם הבנין הרה"ח ר' מרדכי צבי הכהן קאהן שליט"א ראה"ק, האט אויפגעהויבן די חינוך ניווא צום העכסטן שטאפל, ס'האט געגעבן פאר די תלמידות א געשמאק צו קומען טעגליך צו אזא הערליך אויסגערישט גיגאנטישע געביידע, און ס'האט אריינגעברענגט א פרישע גייסט אינערהאלב די גאנצע שולע ווערטשאפט.

אצינד, שטייענדיג איבער צוויי יאר זינט יענע גרויסע טעג טוט די געביידע ווידער ברענגען גאר אויסטערלישע העדליינס וואס וועט זיין א דורכברוך פאר די טויזנטער משפחות איבער אוטרעמאנט-מאנטריאל, אויב איז דאס ביז היינט געווען אהערגעשטעלט בלויז פאר די תלמידות סאטמאר, וועט די געביידע אין די נאנטע צוקונפט זיין א הילף פאר די גאנצע שטאט מיט א פרישע אונטערנעמונג וואס איז ממש אן ערשטמאליגער חידוש.

## ואני אפתח פתחו של אולם

שוין דעמאלס אין די הכנה שטאפלען אין בעפארבערייטונג אהערצושטעלן די גרויסע מאיעסטעטישע געביידע וואס איז אונטערגענומען געווארן דרכ'ן בונה ומקים עולמות של תורה הנדיב הטפסר הרה"ח ר' משה פריעדמאן הי"ו מהנהלת הקהילה והמוסדות אין מאנטריאל, האט מען גלייך גערעדט איבער די גרויסארטיגע פלענער צו מאכן די ערשטע הערליכע חתונה זאל אינעם אונטערשטן שטאק פונעם בית אסתר געביידע.

אצינד קומט אריין די גאר פרייליכע בשורה אז מ'האט זיך שוין גענומען צו די היסטארישע ארבעט פון אנהייבן אויסרישן די חתונה זאל מיטן פלאן אז עס זאל זיין גרייט אויף די קומענדיגע ווינטער הבעל"ט.





פאר איינער וואס וואוינט נישט אין מאנטריאל קען מען נישט ערקלערן די געוואלדיגע דורכברוך וואס אזא ברייטע אונטערנעמונג וועט ברענגען מיט זיך, ס'קען זיך ממש נישט גלייבן אז א שטאט מיט קרוב צו צוויי טויזנט חסידי'שע משפחות וואס זענען שוין באזעצט אין די אוטרעמאנט געגנט זינט נאך די קריג, זאל נאך ביז היינט נישט פארמאגן קיין איין איינציגע חתונה זאל דארט אינעם היימישן געגנט.

דאס זיך ארויסשלעפן שמחה נאך שמחה ביז צו די חתונה זאלן אין די דרויסנדיגע געגנטער פארשווערט גאר שטארק פאר תושבי העיר אויף גאר א שטארקע פארנעם, אצינד אז מ'הערט איבער די בוי-ארבעט וואס איז געווארן אונטערגענומען אינעם בית אסתר געביידע, מיט די אקטיווע פלענער צו ענדיגן בויען און אויסרישן די הערליכע חתונה זאל אויף גאר א שנעלע ספיד איז עס עפעס וואס ברענגט אריין צווישן יהדות מאנטריאל עקסטאז אן קיין שיעור.



## אויג-פארכאפנד און מייסטער-האפטיג

די בלויזע פאקט אז מ'גייט זיך מער נישט דארפן ארייגזעצן אינעם אויטא און רייזן נאנט צו א האלבע שטונדע בלויז אויף צו וואונטשן מזל טוב, ברענגט שוין אריין אן אויסטערלישע דערלייכטערונג און פרייד צווישן די לאקאלע איינוואוינער, אבער ווי מ'הערט פון הינטער די קוליסן וועט זיך עס נישט ענדיגן ביי א בלויזע זאל וואס וועט באשטיין פון פיר ווענט מיט א דעכל. דער פיאנער הר"ר משה הי"ו וב"ב שתחי' וועלכע האבן אהערגעשטעלט די גאנצע געביידע האבן זיך גאר שטארק געשטעלט אהערצושטעלן די חתונה-זאל אויף גאר א הויך-קלאסישע פארנעם מיט א פראכט ווי קיינמאל בעפאר, אז עס זאל זיין ראוי און צוגעפאסט פאר אזעלכע געהויבענע מאמענטן ביים אויפשטעלן פרישע אידישע שטיבער מיט א קשר של קיימא.

עס ווערט נישט געשוינט קיין געלט צו קענען אויסרישן די זאל אויף אן אויג-פארכאפנדע מייסטערהאפטיגע פארנעם אזש עס וועט זיין די געשפרעך אין שטאט. אבער אין די זעלבע צייט לייגט מען א גרויסע דגוש אז עס זאל נישט ווערן לענגער פארשלעפט, מ'רעדט פון א פראיעקט אויף וואס די שטאטווארט שוין 70 יאר און ס'איז נישט שייך צו שלעפן לענגער.

אומר ועושה - מ'קוקט גאר שטארק ארויס אז אזוי פרי ווי קומענדיגע ווינטער זאל מען שוין קענען טאנצן 'עוד ישמע' אויף די פרישע הערליכע פאדלאגע צווישן די באצירטע ווענט און באלאכטענע דאך, וואו שמחה וועט נישט האבן קיין שיעור מיט אזויפיל שמחות וואס איז נאך ערווארטעט צו קענען אפרעכטן דארט אין די נאנטע טעג.














# כולל ערב 'מנחם משיב' אין סאטמאר מאנטריאל איז משנה מקום מיט א שטאפל ארויף און ברענגט מיט א רייע גינסטיגע טוישונגען לטובת די אברכי הכולל היושבים באהלי תורה




שישו ושמחו בשמחת התורה - פאר לאנגע יארן טוט שוין די כולל ערב באשיינען נאכט נאך נאכט, ווען איבער 50 אברכי הקהילה זעצן זיך לערנען מיט גרויס פלייס. נאכ'ן הסתלקות פון הגה"צ ר' משה מנחם טירנויער זצ"ל דומ"ץ דמתא וועלכער האט אריינגעלייגט אזא אויסטערלישע כח התורה אין די פלאץ, האט מען מקדיש געווען דעם כולל לשמו ולזכרו און קורא שם געווען 'כולל ערב - מנחם משיב'.

שוין א לענגערע צייט זינט ווען מ'האט זיך דערזען אז מ'קען נישט פלאצירן אזויפיל בני תורה וואס האבן געוואלט קומען זיך אנשליסן אין די קול תורה וועלכע הילכט אפ יעדע נאכט פון פריש. ביים פארגאנגענעם שושן פורים טיש אין ביהמ"ד הגדול איז ענדליך געמאלדן געווארן די לאנג ערווארטעטע נייעס איבער די פרישע אנטוויקלונגען אינערהאלב די כולל ערב מיט פרישע פלענער וואס גייט מרחיב זיין די גבולי הקדושה.

די פלענער זענען געווארן פארגעשטעלט איבער דאס אריבערציען דעם כולל פון 'ביהמ"ד אברכים' צו א גרעסערע לאקאל אינעם 'ביהמ"ד הגדול', וואו עס וועט זיין אסאך מער פלאץ זיך אויסצוברייטערן, אין די זעלבע צייט איז מטעם הכולל יעצט געווארן ארויסגעלייגט א מודעה פאר אלע בני תורה וואס האבן זיך שוין לאנג געוואלט קומען אנשליסן אין אזא ריתחא דאורייתא, אז יעצט ווען מ'ציט זיך אריבער איז די פאסיגע צייט צו ווערן א טייל פון די געוואלדיגע מקום תורה.

להחזיק תורה - אינדערצייט וואס ביז היינט איז די אפיציעלע תמיכה געווען $400 א חודש, קומט אריין די גאר פרייליכע נייעס, אז נעמענדיג אין באטראכט דעם 'היוקר' יאמיר' מציאות וואס האט אזוי שווער באטראפן די וועלט, איז אצינד ווען מ'ציט זיך אריבער אין די נייע לאקאל, האט דער נדבן הרוצה בעילום שמו, מרצונו הטוב, אויסגעברייטערט די תמיכה, און זיך אונטערגענומען צו העכערן די תמיכה צו $500 א חודש. די זכות פון אזויפיל החזקת התורה וועט אים אודאי ביישטיין צו באגאסן ווערן בשפע רב עד בלי די.

# עסקני הקהילה אין סאטמאר מאנטריאל נעמען אונטער א פראיעקט אהערצושטעלן ערשטמאליג א הערליכע שמחה זאל לטובת די בני הקהילה צו קענען אפהאלטן קלענערע שמחות אויף א ביליגערע פארנעם







## הגה"צ האב"ד שליט"א קומט אקעגן צו שאפן די נויטיגע פאנדן

ווידער היסטארישע נייעס פאר אנשי שלומינו אין מאנטריאל - צו מאכן שמחות קאסט אן אפותיקי, אפילו צו דארפן אפהאלטן א שמחת בר מצוה קען אריינשלעפן אין אומגעהויערע הוצאות וואס ביי די גרעסטע טייל ציבור קומט עס נישט אן לייכט.

שוין א לאנגע צייט וואס די עסקני הקהילה זוכן צו ברענגען א לעזונג פאר די בני קהילה, און קוקן זיך ארום אויף פארשידענע מהלכים וויאזוי מ'וועט קענען פארגרינגערן פאר אנשי שלומינו.

נאכ'ן מאכן ערנסטע פלענער איז מען ענדגילטיג אויפגעקומען מיט א מהלך וויאזוי צו קענען אהערשטעלן א הערליכע שמחה זאל אינעם בנין הת"ת וואס וועט ווערן הערליך אויסגערישט און צוגעשטעלט פארן ציבור צו קענען אפהאלטן הערליכע קליינע באשיידענע שמחות א שטייגער ווי שמחות בר מצוות און שבע ברכות.

הגה"צ דער מאנטריאלער רב שליט"א איז אקעגן געקומען די עסקנים זיך אונטערנעמענדיג צו שאפן די גרויסע הוצאות, און האט מקדיש געווען די אויסנאמליכע זכות לעילוי נשמת זיין אומפארגעסליכע טאכטער מרת שרה בלומא ע"ה בת הגה"צ רבי דוד שליט"א. די געוואלדיגע זכותים וואס אזא הילפס מיטל וועט ברענגען פארן ציבור וועט אודאי זיין א זכות לנשמתה הטהורה.

אצינד איז שוין גרייט א סקיצע מיט די פונקטליכע פלענער, די ארבעט איז ערווארטעט אריינצוגיין אין קראפט גלייך נאך יו"ט און וועט האפנטליך ווערן פארענדיגט ווי אמשנעלסטן.





# גרויס דערלייכטערונג הערשט צווישן אנ"ש אין מאנטריאל מיט די פרישע מודעה פונעם בארימטן גמ"ח מהר"י ט"ב קיט"ל דסאטמאר, וועלכע וועט העכערן די חובות-דאך לטובת הציבור

## גמ"ח האט אצינד אויסגעלייגטע הלוואות אין די ווערד פון צוויי מיליאן דאלער פון בלויז די לעצטע עטליכע יאר!

די חסד וואס עס גייט אלס ארויס פון די לאנג-יעריגע בארימטע גמ"ח קיט"ל איז ממש אומבאגרייפליך. אצינד הערט מען מטעם די גמ"ח איבער די פרישע העכערונגען און מעגליכקייטן צו קענען בארגן גרעסערע סכומים, און אזוי שטערקער אנטקעגנקומען די בני הקהילה מיט חסד לשם חסד.

די גמ"ח איז נתייסד געווארן שוין אסאך יארן צוריק דורך הר"ר אהרן שווארץ ע"ה מיט א מיסיע צו פארבארגן פאר אידן וואס דארפן האבן געלט טאג טעגליך, און ווי יעדע אונטערנעמונג האט זיך עס אנגעהויבן אויף א קלענערע פארנעם און איז געווארן געפירט דורך חברי הנהלת הקהילה מיט אן אוממעגליכע פאראויסשאצונג צו וואס עס וועט נאך איין טאג אויסשטייגן.

ס'איז אריבער א שיינע פאר יאר זינט ווען די גמ"ח האט זיך אויסגעברייטערט אויף גאר א דראסטישע פארנעם, ווען דער אומפארגעסליכער דיין ז"ע האט געבעטן עסקנים צו אנהייבן פארבארגן גרעסערע געלטער פאר אידן וואס שטייען איידערן חתונה מאכן די קינדער.

ער האט דאן פארבעטן פון נדיבי לב אריינצולייגן גרעסערע פקדונות, אזוי זאל מען האבן די מעגליכקייט צו קענען דרייען מיט גרויסע געלטער לטובת הציבור. די אויסטערלישע זכות איז א קלארע סגולה לאריכות ימים און עס האט געברענגט א ריזיגע קאסע מיט וואס מ'האט געקענט אנהייבן מיט די נייע מיסיע.

די גמ"ח וועלכע ווערט היינט געפירט דורך העסקן הנמרץ ומחנך נפלא הרב אברהם משה יצחק סופר שליט"א ראש וראשון לכל דבר שבקדושה ויו"ר מפעל משמחי לב, האט שוין אויף די האנט אזויפיל מיליאנען דאלארן זכותים וואס ווערט ארויסגעגעבן פאר אנשי שלומינו פאר פארשידנארטיגע צוועקן. דער געמאכט אפערירט אונטער'ן געניטן אנפירערשאפט פון מו"ה חיים עוזר הכהן שטראסער הי"ו, מזכיר הגמ"ח.

דאס ארויסגעבן 15,000 דאלער פער יעדע חתונה האט געברענגט א משונה'דיגע דערלייכטערונג פאר אנשי שלומינו, אפגערעדט אז די אפצאל פלאן איז ממש לייכט מיט א מעגליכקייט פאר יעדעם זיך צו קענען צושטעלן דערצו, מ'רעדט פון בלויז 250 דאלער פער חודש נאכן ארויסנעמען די ערשטע הלואה, און נאך $150 ביים ארויסנעמען הלואה פאר'ן צווייטן קינד, דערנאך קען מען ארויסנעמען ביי יעדן קינד און עס גייט נישט ארויף מער ווי 400 דאלער א חודש.

באזונדער איז די גמ"ח פארנומען ארויסגעבן הלוואות פארן ציבור אין צייטן וואס מ'איז זוכה זיך אריינצוציען אין א נייע הויז, אדער ווען מ'לאזט זיך ארויס אויף ביזנעס אנגעלעגנהייטן און מ'זוכט צו עפענען א פרישע ביזנעס אא"וו. מ'קען זאגן אז די גמ"ח איז ממש א יחיד במינו און איז דא פארן ציבור ממש אויף יעדע פארנעם.

אצינד הערט מען די געוואלדיגע נייעס אז די גמ"ח איז נאכנישט אנגעקומען צו די קלימאקס, און זיי גייען זיך יעצט ווייטער אויסברייטערן ארויסצוגעבן הלוואות פון גאנצע 20,000 דאלער פארן ציבור אין די פרייליכע צייט פון אונטערפירן א קינד אונטערן חופה.

די געוואלדיגע נייעס איז געווארן אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאזם, ס'האט ווייטער געגעבן די געפיל פארן ציבור אז די קהילה איז דא צו סערווירן אויף יעדע פארנעם, און מ'וועט זיכער מאכן אז מ'זאל קענען אנגיין אפילו אין צייטן ווען די הוצאות שטייגן למעלה מן המשוער.

ס'איז ערווארטעט אז די קאסע וואס שטייט שוין יעצט ביי איבער צוויי מיליאן דאלער ארויסגעבארגט וועט וואקסן אסאך גרעסער און עס גיט די מעגליכקייט פאר פרישע נדיבים בעם זיך צו קומען אנשליסן אין די געוואלדיגע חסד פראיעקט וואס איז ממש די ריקן-ביין פאר אזויפיל אידן אין די קהילה.



אלו. ולא. דיינו.
על אחת כמה וכמה טובה כפולה ומכפלת למקום עלינו
קהל
יטב לב
סאטמאר
מאנטריאל
נתייסדה ע"י מרן רבינו הקדוה"ק זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
NUAH 845.513.0001